באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג

Office of Administrative Adjudication/
Traffic Violations Bureau

**איר האט דעם רעכט צו ווערן פארטרעטן דורך אן אדוואקאט פאר דעם סאמענס, דאס רעכנט אריין האבן אן אדוואקאט אייך העלפן מיטן צוגרייטן דעם בויגן.**

## אנווייזונגען פארן אויספילן 'באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג'

**צו ערשיינען דורך א געשריבענע באריכט, פילט אויס און שרייבט אונטער די באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג בויגן (בייגעלייגט) און שיקט עס דורך די פאסט צו די אפיס וואו אייער הירינג וועט ווערן אפגעהאלטן. די בויגן מוז ווערן דערהאלטן ביז צום ווייניגסטנס צוויי וואכן פאר אייער הירינג דאטום.**

**ביי אייער הירינג וועט די ריכטער הערן דעם פאליציי אפיציר'ס עדות און דערנאך ליינען אייער געשריבענע באריכט אינעם רעקארד. די ריכטער וועט נעמען אין באטראכט אייער געשריבענע באריכט און סיי וועלכע בייגעלייגטע באווייזן. דער ריכטער וועט מאכן א געפינס פון "שולדיג" אדער "אומשולדיג" אזויווי אויב איר וואלט געווען אנוועזנד.**

***וויאזוי אויסצופולן דעם באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג***

1. דרוקט אייער גאנצע נאמען, אדרעס און טיקעט נומער.
2. אויב עס איז דא מער ווי איין טיקעט, נוצט א באזונדערע באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג פאר יעדע טיקעט.
3. שרייבט, בפרטיות, פארוואס איר גלייבט איר זענט "אומשולדיג" פון די קלאגע(ס). נוצט נאך בלעטער אויב נויטיג.
4. שרייבט אונטער אייער נאמען און די דאטום אין די "באשטעטיגונג" טייל.

***וועלכע דאקומענטאציע זאלן ווערן בייגעלייגט מיט די באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג***

1. א קאפיע פון אייער דרייווער'ס לייסענס אדער אנדערע רעגירונג-ארויסגעגעבענע פאטא ID.
2. סיי וועלכע באווייזן (פאפירן, עקסהיביטס, בילדער, אפידעיווידס, א.ד.ג.) וואס איר ווילט די ריכטער זאל נעמען אין באטראכט ביים באשליסן אייער קעיס. (די זאכן וועלן נישט צוריק געשיקט ווערן צו אייך.)

***ווען און וואו צו שיקן דורך די פאסט באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג***

1. אייער באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג, און סיי וועלכע באווייזן, מוז ווערן דערהאלטן ביז צום ווייניגסטנס 2 וואכן פאר די דאטום פון אייער הירינג.
2. אייער באריכט אין פלאץ פון פערזענליכע ערשיינונג מוז ווערן געשיקט דורך די פאסט צו די TVB אפיס וואו אייער הירינג וועט ווערן אפגעהאלטן.
3. אויב איר זענט אומזיכער וועגן די TVB אדרעס, ביטע באזוכט dmv.ny.gov/pleadandpay אדער רופט 488-5710 (718).

## וויכטיגע דערמאנונגען (נאך מיר באקומען אייער באריכט)

אויב אייער הירינג ווערט אפגעשטופט, וועלן מיר נוצן אייער באריכט אויף סיי וועלכע נאכפאלגענדע הירינג דאטום(ס). איר וועט אויך ווערן איינגעמאלדן וועגן די דאטום דורך די פאסט אזוי אז איר זאלט נאך אלס קענען ערשיינען פערזענליך אויב איר באשליסט צו.

## נאך פראגעס אדער צו בעטן אן אפשטופונג

1. איר קענט רופן 488-5710 (718)
2. באזוכט dmv.ny.gov

**פארפעלונג אונז צו שיקן א צייטליכע באריכט, ערשיינען פערזענליך אדער צו ווערן געגעבן אן אפשטופונג קען פאראורזאכן:**

**די סוספענדירונג פון אייער דרייוון פריווילעגיעס; און**

**א $70 סוספענדירונג אפשטעל אפצאל**

נאמען: ______________________ בנוגע: טיקעט נומער ______________

איך בין די דרייווער געשילדערט אין די אויבנדערמאנטע טיקעט איך בין אנגעקלאגט געווארן מיט באגיין א טרעפיק פארלעצונג, און איך האב זיך געמאלדן "אומשולדיג" צו יענע קלאגע.

מיין אדרעס איז: ______________________

______________________

מיין דאטום פון געבורט איז: ___/___/___

איך פארלאנג אז דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער זאל ליינען און נעמען אין באטראכט מיין באריכט, און עס מאכן א טייל פון מיין רעקארד פארן צוקומען צו א באשלוס אין מיין קעיס. איך געב אויף מיין רעכט צו ערשיינען פערזענליך, צו אויספרעגן די עדות, און/אדער זיך צו קעגנשטעלן קעגן סיי וועלכע באווייזן פרעזענטירט ביי די הירינג. איך פארשטיי אז דאס באריכט איז אין פלאץ פון מיין ערשיינונג פאר דעם ענין.

איך פארשטיי אז, אין מיין אפוועזנהייט, קען דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער און די דעפארטמענט און מאטאר וויהיקל נעמען סיי וועלכע אויטאריזירטע לעגאלע שריט קעגן מיר אזוויי אויב איך וואלט ערשינען אין געריכט. אזעלכע שריט רעכענען אריין, אבער זענען נישט באגרעניצט צו, ארויפלייגן געלט-שטראפן, אפצאלן, און קאסטן, און סוספענדירן אדער אוועקנעמען מיין דרייווער לייסענס אדער דרייוון פריווילעגיע, און/אדער רעגיסטראציעס. איך רעזערוויר די רעכט צו אפעלירן סיי וועלכע באשלוס קעגן מיר.

**איר מוזט ערקלערן פארוואס איר גלייבט איר זענט "אומשולדיג". איר מוזט מיטלייגן א קאפיע פון אייער דרייווער לייסענס אדער רעגירונג-ארויסגעגעבענע פאטא ID.** *(באהעפט נאך בלעטער, אויב נויטיג, און קאפיעס פון סיי וועלכע באווייזן.)*

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

______________________

**באשטעטיגונג:** איך דערקלער, אונטער שטראף פאר פאלש עדות זאגן, אז אלע אינפארמאציע וואס איך האב צוגעשטעלט אין דעם באריכט און אלע שטיצנדע דאקומענטן זענען אמת. איך פארשטיי אז מאכן א פאלשע דערקלערונג אין צוזאמענהאנג מיט דעם באריכט קען מיך אויסשטעלן צו קרימינאלע באשולדיגונג אונטער די US פענאל געזעץ.

**אונטערגעשריבן X** ______________________ ___/___/___

דרייווער אונטערשריפט — דאטום

באַשטעטיק / קלאָר